בעזהי"ת

דהתאחדות הקהילות

בהשתתפות הרבנים והקהילות
ולומדי תורה דניו יארק

# מדריך לכשרות ולחיזוק הדת

— ירחון דהתאחדות הקהלות —

כולל תשובות, מכתבים ובירורים בענין כשרות המאכלים

ב"ה חודש אלול-תשרי ה' תשד"ם שנה ז' קונטרס ל"ד (כרך ז)

בפיקוח הרב הגאון
מו"ה ר' שלום יהודא גראס שליט"א
אבדק"ק האלמין יצ"ו

יוצא לאור ע"י

## וועד הכשרות

ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

באמצעים של בירור, חקירה ודרישה
התיעצות, הודעה, והצעה

34

בס״ד

# וועד הכשרות

ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

דהתאחדות הקהילות

בחשתתפות חרבנים וחקחילוות
ולומדי תורח דניו יארק

בפיקוח הרב הגאון
מו״ה ר׳ שלום יהודא גראס שליט״א
אבדק״ק האלמין יצ״ו

אַבאָנענטען בלאַנק און פרייזען
**וועד הכשרות דהתאחדות הקהלות**

בייגעלייגט איז די סומע פון ...... $

☐ 1 יאָר ☐ 1 יאָר לופט פּאָסט

Enclosed please find $ ..........................
I would like to subscribe to the VAAD HAKASHRUS
O 1 Year O Air Mail

Name ______________________________

Address ______________________________

City ______________ State ______________ Zip ______________

Subscription Rates (PAID IN ADVANCE)

IN U.S.A.

| | |
|---|---|
| 1 Year. . . . . . . . . . . . | $18 |
| Air Mail 1 Year. . . . . . . | $25 |

IN CANADA, EUROPE ETC.

| | |
|---|---|
| 1 Year. . . . . . . . . . . . | $20 |
| Air Mail 1 Year. . . . . . . | $25 |

# תשובות ובירורים

## ועד הכשרות

## שע״י

## בית דין צדק

## דקהל האלמין

**אם לא עכשיו אימתי?**

# אבינו מלכנו פתח שערי שמים לתפלתינו

## וקרע רוע גזר דינינו!!!

פארוואס זענען די טויערן פון הימעל פארמאכט און אפגעזיגעלט? ווער איז שולדיג אין דעם? צו וואס ברענגט דאס? וואס קען געטוהן ווערען? פארוואס פארמערט זיך צרות ישראל רחמנא ליצלן? אויך ברוחניות רח״ל?

מורי ורבותי דער מצב איז אומדערטרעגליך. עס קען שוין ווייטער נישט אנגיין!!! צרות ישראל מערן זיך פון טאג צו טאג וואס נעמט רח״ל ארום דעם כלל, קליינע קינדער — יונגע מענטשען — יונגע פרויען — און אלטע לייט, ווערן ל״ע פארכאפט מיט ערנסטע קרענק ל״ע.

הארץ — די רעכטע מעשה — עלערדזשי — בלוט צירקולאציע — נירן — אָדערן פאַרקאַלֶעכונג — לונגען — אויגען — מח — נערוועוען און נאך, ה׳ ישמרנו.

וואס קען מען אבער טוהן ווען די טויערן זענען פארמאכט! הונדערטער מאמעס וויינען זיך אויס ביים ליכט צינדען אז זיי זאלען זוכה זיין צו ליכטיגע געזונטע אידישע דורות. פארוואס ליידער זעהט מען ביי אסאך אז זייער געבעט איז נישט אנגענומען געווארען? זענען אלע קינדער געראטען מיט שכל און קלוגשאפט?? זענען אלע געזונט און שטארק?? זענען אלע ערליך און אפגעהיטען?? זענען אלע נחת ברענגער פאר זייערע עלטערן אדער חלילה...?? זענען דאס טאקע די וואס מען האט געוויינט און געבעטען נאך זיי??

און וואס איז מיט די אלע טאטעס וועלכע האבען שוין דורכגעווייקט דאס תהלים׳ל זוכה צו זיין צו אביסעל נחת פון די קינדער. זענען זיי טאקע אלע געהאלפען געווארען? פארוואס נישט? און די אלע וואס זענען שוין זוכה צו נחת צו זענען זיי פארזיכערט וואס דער מארגען וועט ברענגען. מען זעהט דאך טאג טעגליך ווי יונגע מענטשען ווערן פלוצלינג אפגעקערט פון ריכטיגען וועג און האבען דערמיט אפגעהאקט די גאלדענע קייט פון דער משפחה, אדער ווערען מאדערניזירט. אנדערע ווערן ל״ע יונג פארשניטען פון די וועלט, און א חלק בלייבען פארקריפעלט (אינוואלידען) אדער מיט ערנסטע קרענק אויפן גאנצען לעבען ל״ע.

און וואס איז מיט די פאר׳צרה׳טע מאמעס רח״ל וועלכע האבען שלאפלאזע נעכט לעכצענדיג נאך א רפואה פאר זייער׳ס א קינד. די טאטע פון צווייטען זייט רייסט זיך די האר פון קאפ אבער

אהָן ערפאלג. פארוואס איז דאס? דער באשעפער איז דאך א "קל מלא רחמים" און א טאטע פארן אידישען פאלק. יעדער טאטע האט רחמנות אויף זיינע קינדער.

און וואס איז מיט די טאטעס וועלכע שטייען ביים צדיק'ס ציון צובראכען מיט א הארצרייסענדע געוויין וועלכע לעכערט הערצער. פאר צער צוליב א טאכטער וואס איז ל"ע נישט געזונט מיט די ריכטיגע מעשה רח"ל און שטייט מיט א שטיב מיט קליינע קינדער וואס דארפען א מאמע.

און ווי ווערט פארשליידערט די הארצרייסענדע געוויין פון די קליינע קינדער וואס שטייען ארום דעם טאטענ'ס בעט וועלכער ליגט ווי געלעמט נאך א שווערן הארץ־אטאקע רח"ל.

ווי זענען די אלע תפלות, תחינות, בכיות, פון ראש השנה — יום כפור — הושענא רבה — א.א.וו. פון גאנץ כלל ישראל אפצוטוהן אידישע צער און צרות?

ווי זענען די אלע קינדער וועלכע האבען געוויזען פון זייער פריהעסטען יוגענד עילוי'שע כשרונות צו ווערען גדולי הדור. און ווי זענען די קינדער וועלכע זענען געווען אפגעהיטען פון אלעם בייז און געצויגען צו יראת שמים — איידעלקייט — תמימות?? וואס האט מיט זיי פאסירט?

ווי אזוי פאסירט אז קינדער וואס ווערן געהאדעוועט צווישען ווענט פון תורה ותפלה ווערן פלוצינג אויסגעדרייט צום שלעכטען רח"ל? אדער עכ"פ פיהל ווייניגער געראטען ווי מען האט זיך גערישט לויט די מאס הארעוואניע וואס מען האט אריינגעהארעוועט אין זיי.

פארוואס פארמערן זיך רח"ל צרות ישראל אין אזא גרויסען פארנעם מיט כל ערליי קרענק ד' ישמרנו?? דער תירוץ אויף די אלע קשיות

# בהמה פלייש — און חֵלֶב!!!

א) אין א צייט וואס רבנים גדולי התורה והיראה

וועלכע זענען אפגעהיטען און אפגעזונדערט פון הבלי עוה"ז ותענוגיהם און האבען פון זייער פריעסטן יוגנט נישט אפגעטרעטען פון צווישען די פיער ווענט פון ביהמ"ד און אויך משמש געווען צדיקים פון פריערדיגען דור — שרייען אז זיי האבען געזען מיט זייערע אויגען פלייש פון די שענסטע געשעפטען מיטן ערגסטען חלב און אז דאס ווערט פארקויפט פאר אלע חרדישע אידען אין אמעריקא, איז שוין נישט קיין וואונדער אויף גארנישט וויי די תורה הקדושה וועלכע איז א נצחיות שרייט: "כי כל אוכל חלב ונכרתה" — ווער עס עסט חלב ווערט פארשניטען פון די וועלט פאר זיין צייט!!!

ב) טוט נאר א בליק אין די הייליגע ספרים וועט איר זעהן ווי אזוי חלב מיט נבילות וטריפות מיט אלע אויבענדערמאנטע אידישע צרות זענען געקניפט און געבינדען מיט א קשר של קיימא.

און אט וואס די היילגע ספרים שרייבען:

צוליב דעם וואס מען עסט חֵלֶב מיט נבילות וטריפות פארשפארט מען אויבען די טויערן פון הימעל מיט אייזערנע שלעסער און מען לאזט נישט אריין קיין טרער און געבעט (ליקוטי אמרים להגר"ז פרק ח', בני יששכר אדר מאמר ב' דרוש ז', תפלה למשה קאפי' ס"ח לבעל ישמח משה, שו"ת בית הלל סי' ט').

אלע צרות ווא מען ליידט זיך אָפּ א גאנץ לעבען איז צוליב מאכלות אסורות (חפץ חיים בספרו מחנה ישראל).

ג) געדענקט וואס הגאון הצדיק ר' יונתן שטייף זצ"ל שרייבט די איינציגע וועג אויסגעהיט צו ווערן פון אן אוישוויץ רח"ל זיך צו דערווייטערען פו מאכלות אסורות (דרשת שלמה).

און אז די טויערן זענען פארשפארט איז שוין נישט קיין וואונדער, ווי די אלע צרות קומען און ווילען נישט גיין.

## חֵלֶב מיט אידישע צרות רח"ל

חֵלֶב איז מטמא דאס הארץ (מנורת המאור נר ג' כלל ו' חלק ר פ"ג).

עס ברענגט רח״ל אומהיילבארע קרענק (אזהרת מהרצ״א מדינוב) אויף אויף פיצלעך קינדער (שו״ת בית הלל סי׳ ט׳ מ״ח שו״ת קל״ד סי׳ א׳). עס הארגעט דעם קערפער (חינוך מצוה ע״ג) און עס איז פונקט ווי ארייַנשטעקן שווערדן אין קערפער רח״ל (יער״ד סוף ח״ב בשם הרמב״ם במורה).

דארט ווי דאס כשרות איז נאכגעלאזט איז קיין שום ווואנדער צו הערן אז צרות ישראל פארמערן זיך ווייל כביכול די שכינה הק׳ פארדרייט זיך פון זיי און קוקט זיך נישט אום אויף זיי, ווי א סטאדע שאף וואס זייער פאסטוך לאזט זיי איבער צווישען זיבעציג וועלף (דברי מהרי״א פ׳ שמיני).

הגאון הצדיק דער גלינער רב שרייבט: מיט אונזערע אויגען האבען מיר געזען וויאזוי אלע שווערע און ביטערע גזירות וואס קומען אויף דער וועלט איז נאר צוליב דעם זינד פון נבילות און טריפות(שו״ת מראה יחזקאל האחרון סי׳ מ״ב) און די עונשים נוראים לאחר מאה ועשרים שנה (ספר הקנה ד׳ מ״ז. ילקוט ראובני. שבט מוסר. נגיד ומצוה. ליקוטי הגלגולים ל״ט).

**און פון וואנעט נעמט זיך דאס גרויסע ירידה אויף ברוחניות.**

ווי אזוי איז דאס מעגליך אז אין אזא קורצע צייט זייט חורבן איירופע איז דער דור געפאלען מיט אזא פאנטאסטישען אומגלויבליכע נידעריקייט, דאס דאוועגען איז כמעט ווי נישט געדאווענט, דאס לערנען (פון המון) איז אויפן שפיץ גאפעל יוצא צו זיין, נישט לויט וויפיהל פרייע צייט מען האט — צו טרעפען יונגעלייט בני תורה וואס ווידעמען (ספענדען) 16־18 שעה א מעת לעת אין תורה איז א יקר המציאות אחד בעיר — דאס אפגעהיטענקייט פון די אויגען — מויל איז אויפן נידעריגסטען שטאפעל בעווה״ר. דאס פריצות שרייט ארויס פון אלע ווינקלען — דער לוקסוס האלט שוין ביים קלימאקס — גניבות וגזילות איז בדור הזה נישט קיין עבירה נאר א מצוה און א חריפות. דער וואס גנב׳ט נישט ווערט באטיטעלט בטלן שלום מזל. א העלד ווערט באטראכט דער וואס קומט אין ביהמ״ד און פארציילט וויאזוי ער האט געלעכערט די רעדער פון יענעם מיט פלינקייט און חכמה, און ליידער נישט דער יונגערמאן וואס זיצט על התורה

והעבודה — קללות ווערען געהערט ל״ע פון קינדער זאפארט ווי זיי הייבען אָן רעדען. אנשטאט וואס מען פלעגט אמאל אויסלערנען א קליין קינד תורה צוה לנו און צו ליינען קר״ש ביים אויפשטיין און ביים לייגען, לערנט מען היינט אויס דאס קינד צו שעלטען ביים אויפשטיין און ביים לייגען — דרך ארץ און מדות טובות זענען גענצליך באיקאטירט און טעראריזם האט פארנומען זייער פלאץ. איר וועט זיך נישט גלייבען עס איז אבער א פאקט היינט צו טאג אז מען האט זיך שוין דערלעבט צו הערן פון קינדער אין עלטער פון 8־9־10 יאר און העכער סטראשען אויפן טעלעפאן א צווייטען מיט הארגענען אדער אנברעכען דיביינער יא! יא! נישט 20 יעריגע נאר גאנץ קליינע קינדער. — כיבוד אב ואם האט א נייע באדייט בדורנו. דער טאטע מאמע זאלען מכבד זיין און אויספאלגען זייערע קינדער וואס זיי בעטען און מקבל זיין באהבה זייערע זידעל רייד. טעלעוויזיעס ווערן אלס מער און מער נתרבה אין אידישע שטיבער ל״ע — אסימילאציע אין אזא גרויסען פארנעם בעווה״ר — וויפיהל אידישע שטיבער ל״ע האבען נישט קיין שלום בית און מען קריגט זיך שטענדיג — טאג טעגליך ווערען צובראכען אידישע שטיבער דורך גיטין ל״ע. די עלטערן פון די גע׳גט׳ע ווערען גרוי און אלט פריצייטיק פון צובראכענקייט און די קינדער פון די גע׳גט׳ע ווערען ל״ע גייסטיש גערירט און פיזיש צובראכען און דאס רוב פון זיי ענדיגען ביי די נערוועז דאקטוירים ל״ע און וויפיל עגונות זיצען צוליב די מענער וואס געבען נישט קיין גט אונטער $100,000 דאלער. לשון הרע רכילות הלבנת פנים איז א גאנגבאר ארטיקעל ביי יעדען פון קליין ביז גרויס — ווער איז שולדיג אין דעם אלעם???

## נבילות מיט חלב

גיט א קוק וואס דער צדיק ר׳ שמעון בן יוחאי שרייבט: דער וואס עסט מאכלות אסורות ווערט אנגעקלעבט צו די סטרא אחרא און א רוח הטומאה רוהט אויף איהם און ער ווייזט אז ער האט נישט קיין חלק אין באשעפער. עס איז פונקט ווי ער

וואלט געדינט ע״ז. ער איז טמא אויף דער וועלט און יענע וועלט. אלעס וואס ער ליידט אויף דער וועלט ברוחניות ובגשמיות (פיזיש און גייסטיש) איז פון מאכלות אסורות (זוה״ק וישב קצ״א, ח״ב קכ״ה, ח״ג מ״ב, רמב״ם במורה ח״ג פמ״ח).

דער פרי חדש שרייבט טאקע אז צוליב דעם וואס עלטערן גיבען נישט אכטונג אויף די עסענווארג פון די קינדער ווערען מערסטענס פון זיי פארדארבען און אפגעפארען רח״ל צו ווערען די עזות פנים׳ער — מחוצפים — שקצים — באנדיטען — גנבים — אונטערוועלטניקעס — אויסווארפען וואס נעמען נישט אן קיין מוסר (דאס שרייבט דער פרי חדש יו״ד סי׳ פ״א). נו! איז נאך א וואונדער ווי אזוי דאס דור איז אזוי בליץ־שנעל אפגעפארען אויף אלע געביטען אזוי ווייט נאך די צוויי עדות־שאפט פון תנא ר׳ שמעון בן יוחאי און דער פרי חדש.

פון וואנען וואקסען אונטער אזוי פיעל אפיקורסים און כופרים עד כדי צו שמד׳ן זיך ל״ע???

## חֵלֶב מיט נבילות וטריפות

ווייל אזוי האט אונז געלערנט דער זוהר הק׳ (ח״ג מ״ב) דער רמב״ם, דער בעש״ט הק׳ (דגל מחנה אפרים פ׳ עקב בשם הבעש״ט הק׳ בשם הרמב״ם צפנת פענח יתרו) דער יערות דבש (חלק א׳ דרוש א׳), דער דברי חיים (שו״ת דברי חיים חו״ד סי׳ ז׳).

צוליב נבילות וטריפות זענען אפגעשמאַדט געווארען גאנצע מדינות אין אייראפע (ד״ח שם).

די עצות פטור צו ווערן פון אידישע צרות און זוכה זיין צו א הילף פון הימעל אין א עת צרה! אנטלויפען פון א ספק איסור פונקט ווי פון סם המות (עקידה שער ט׳, מסילת ישרים פי״א, דעת קדושים סי׳ ח״י סק״ג, זוה״ק שמיני דף מא: ר״ח שעה״ק פט״ו).

אין אמעריקא איז שוין אמאל געוועזן א שיינער דור מיט ערליכע אידען בעלי מדריגה און בעלי מסירת נפש, און עס איז פון זיי נישט געבליבען קיין זֵכֶר, ווילט איר וויסען פאר וואס? ווייל זי האבען זיך אנגעגעסען מיט

## נבילות וטריפות און חֵלֶב

און חאטש עס איז געוועזן בשוגג, מען האט זיי נעבעך אריין גענארט. זיי האבען זיך פארלאזט אויף זייערע שוחטים וואס האבען אויסגעקוקט פון אין דרויסען ווי חשובע אידען און אויף זייערע רבנים וועלכע האבען געמאכט אן איינדרוק ווי פארלעסליכע רבנים.פון דעסט-וועגען האט דאס שרעקליכע פאסירט אז עס איז נישט געבליבען קיין אנדענק פון זיי צווישען אידישען פאלק.

דער אוהחה"ק שרייבט אז מאכלות אסורות שאדט אפילו בשוגג (שו"ת דברי חיים יו"ד סי' ז', זוה"ק וישב, שמיני,אור החיים הק' שמיני עה"פ "אל תשקצו את נפשותיכם" וגו').

## צום אויספיר:

געדענקט!!

איר דאווענט — איר בעט — איר וויינט - און יאמערט אויף אייער געזונט און געזונט פון אייער פרוי און קינדער. איר בעט אויף תורה און יראת שמים פאר איירע קינדער. אויב ח"ו דאס קינד איז נישט געראטען אדער אין אן עת צרה רח"ל טוט איר קלאגען און וויינען אן אויפהער צום באשעפער אין הימעל, זעהט דערצו עס זאל נישט זיין אומזיסט אייער מיה און הארעוואניע, ארויסגעווארפען זענען אייערע טרערען און געבעט אויב די טויערען פון הימעל זענען פארשפארט דורך דעם וואס איר עסט און איר גיט פאר די קינדער צו עסען בהמה פלייש (סטעיק געפילט קרויט, געמאלען פלייש, סאלאמי, פאסטראמי, וואורשטען, און אלעס וואס שטאמט פון בהמה פלייש) אין דער צייט וואס די ערליכע אמת'דיג גדולי הדור שרייען מיט זעקות נוראות אז עס איז בחזקת

## חֵלֶב — נבילה — וטריפה.

ווארפט ארויס דאס בייז פון שטיב און דאמאלטס וועלן זיך ברייט צועפענען די טויערן פון הימעל פאר אייך און אייערע קינדער און כלל ישראל.

בברכת חג כשר ושמח
הק' שלום יודא גראס
אב"ד דקהל האלמין